STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05417

DYANA

Anna Hill

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיאַנא

פארס אין 1 אקט.

פון

א. היל.

יודיש דורך ז. זילבערצווייג.

פעטריקאוו.

געזעצט ביי ב. ליבעסקינד, פעטריקאוו.

דאָס אויפֿפֿיהרונגס־רעכט ווערט געשיצט:

אין רוסלאַנד: דורכ'ן רוסישען דראַמאַטישען און מוזי־
קאַלישען שריפֿטשטעלער־פֿערבאַנד אין
פּעטראָגראַד.

אין פּוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען־און זשורנאַליסטען־
פֿעראיין אין לאָדז.

פּערזאָנען:

מאַקס װעלנער ׳

מאַניא ׳ — זײַן פרױ ׳

לעאָן פישער ׳— זײַן פרײַנד ׳

עלזע — אַ דינסט־מײדעל ׳

~~~~~~~

די ביהנע.
~~~~~~~


מיטעלטיהר
קלאוויר

אַ עלעגאַנט צימער בײַ ווערנער׳ן,

לויט׳ן פּלאַן.

אַ מיטעלטיר, רעכטס אַ זײַטענטיר, רעכטס פאַר דער װאַפֿע אַ געדעקטער פרישטיק־טיש. אויף דער לינקער זײַט אַ טיש מיט אַ אַרבײַטס־קאָרב. אויפ׳ן קלאַװיר הינטען אַ הוט. אויף די טישען — דריק־גלאָקען.

אין דעקאָראַציאָנס — פּלאַן דאַרף מען נאָר האָבען דאָס גוטיגע מעבעל; אַ אַנדערע אויסשטאַטונג איז איבעריג.

1־טער אויפטריט

עלזא (אַלײן).

עלזא: (בעשעפטיגט רעכטס בײַם טיש) איז אַלץ אויפ׳ן טיש? לאָז מיך נאָר זעהן־די: טאַסען־טעלער־ווײַס.

ברויט-פוטער, יאָ, קײן זאַך פעהלט נישט, די קאַווע איז אויך געקאָכט און וואַרט נאָר אין דעם רעהר פון אויווען, אַז מ'זאָל זי אַרויסנעמען און אײַנגיסען, די מאדאַם שלאָפט אָבער לאַנג און דער הערר אײַלט זיך אויך נישט צוריקצו־קומען פון שפּאַציר. איך קאָן מיך נישט בעקלאָגען. ס'איז מיר דאָ גאַנץ גוט. די מאדאַם קען איך נאָך פון דער הײם. אַלס קינדער האָבען מיר זיך געשפּילט צוזאַמען. דעמאָלט האָב איך זי גערופען „מאַניעלע", איצט איז זי מײַן בעל־הבית'טע און איך רוף זי: „גנעדיגע מאדאַם"; זי איז אָבער נישט שטאָלץ און ווען כ'בין געקומען צו איהר אָננעמען די שטעל אַלס דינסט, האָט זי מיך באַלד דערקענט. אויף איהר חתונה בין איך דאָך אויך געווען. או—וואַ, וואָס פאַרא חתונה! ווי פרעהליך דאָרט איז געווען, בעזונדערס בײַם עסען. און וואָס פאַראַ גוטע זאַכען דאָרט זענען געווען. דער טעם ליגט מיר נאָך הײַנט אין מויל. ווען די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט גערעגענט מיט טרינק־געלד. אַז כ'האָב מײַן פעליקס'ן געגעבען אַ העלפט דערפון, איז ער אויך געווען גענוג בע'שמחה'ט. מײַן פעליקס איז אַ גוטער מענש, נאָר ס'פעהלט איהם יענע מעשה, (ווײַזט אויף געלד) און אָהן דעם קאָן מען דאָך נישט חתונה האָבען. נעכטען זענען מײַנע בעלי־הבתּים צוריקגעקומען פון זײער חתונה־רײַזע, און ביז איצט האָבען זײ דערווײַל געמאַכט אויף מיר אַ זעהר גוטען אײַנדרוק. דער הערר ווײַזט אויס צו זײַן אַ גוטע נשמה און די מאדאַם וועט זיך זיכער נישט פיעל מישען אין דער ווירטשאַפט, וואָרום זי ווײס נישט מיט וואָס דאָס שמעקט. איך רעכען דעריבער, אַז ס'וועט זײַן אַזוי ווי מײַן פעליקס זאָגט... (פון קאָרידאָר קלינגט) אַ, מײַן בעל־הבית איז שוין דאָ — מ'מוז אָנקלאַפּען צו דער מאדאַם, אַז זי זאָל זיך אויפהײבען. (געהט צו דער טיר רעכטס און קלאַפּט) גנעדיגע מאדאַם, דער הערר געהט! (פון דרויסען קלינגט

ווידער) נואָס איילט ער זיך אַזוי! איך גער שוין, איך גער שוין. קיין פליגעל האָב איך דאָך נישט. (אָב דורך דער מיט).

(אַ קליינע פויזע).

2=טער אויפטריט.

מאקס (אַליין).

מ א ק ס: (קומט אַריין דורך דער מיט, ווען ער געהט אַריין, פייפט ער צו, ווי ער וואָלט גערופען אַ הונד) אַ, כ'האָב גאָר פערגעסען! אָרימע דיאַנאַ, דו האָסט מיר היינט זעהר געפעהלט, אַז מ'איז אַזויפיעל יאָהר צוגעוואוינט צו געהן אויפ'ן שפּאַציר מיט אַ טרייען פריינד און פּלוצלונג האָסטו איהם מעהר נישט, טהוט שטאַרק וועה, די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע האָב איך דעם פערלוסט אַזוי נישט געפיהלט, ווי היינט ווען כ'בין צוריקגעטרעטען צום געוועהנליכען, נאָרמאַלען לעבען. ס'איז מערקווירדיג — מיין קליין ווייבעל איז זעהר אַקלוגע, נאָר וועגען הינד טאָר מען מיט איהר נישט ריידען. (מיט איינגע שריט צו לינקס) זי האָסט די טרייע בעשעפּעניש'ען און ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז איך האָב אַזאַ חיה'לע, וואָלט נישט גוט געווען.

3=טער אויפטריט.

מאַקס, עלזא (קומט דורך דער מיט מיט דער קאַווע).

מאַקס: נו, עלזא, איז מיין פרוי שוין אויפגעשטאַנען?

עלזא: (בעשעפטיגט ביים קאַווע=טיש) יאָ, ה׳ וועלנער. איך האָב דער גענעדיגער מאַדאַם דאַפאָרטירט פון אייער קומען און זי וועט באַלד ערשיינען.

מאַקס: וואו האָט איהר זיך אויסגעלערנט צו ריידען אַזאַ שפּראַך?

עלזא: מיין חתן איז אַ סאָלדאַט און ער האָט עס מיך אויסגעלערנט אַזוי צו ריידען.

מאַקס: אַזוי, אַזוי — איהר האָט שוין אַ געליבטען, און דערצו נאָך איינעם פון דער בעוואַפענטער מאַכט? נו, מיר איז עס קיין אונטערשיד; נאָר מיין פרוי, דאַכט זיך, האָט נישט ליב צו זעהן דאָ ביי זיך אוניפאָרם=לייט. זי איז אין דער דאָזיגער זאַך זעהר שטרענג און איך וואָלט געמיינט, עלזא, אַז איהר זאָלט זיך היטען דערמיט.

עלזא: דער ה׳ וועלנער דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגען וועגען דעם. איך וועל זאָגען מיין פעליקס׳ן, אַז ווען ער וועט דאָ אַריינקומען, זאָל ער זיך אָנטהון ציוויל. (אב דורך דער מיט).

מאַקס: (לאַכענדיג) דאָס מיידעל פערשטעהט אויסגעצייכענט זיך צו מאַכען נישט פערשטעהן.

4־טער אויפטריט.

מאניא (פון רעכטס), מאקס.

מ א נ י א : גוט מארגען, ליבער מאן, ענטשולדיג, וואס כ׳האב דיך געלאזט ווארטען (קושט איהם).

מ א ק ס : גוט מארגען, לאנגע שלעפערין, ווי פריש און שעהן דו זעהסט אויס. דער לאנגער שלאף האט דיך טאקע דערקוויקט נאך דער געבטיגער אנשטרענגענדער רייזע? (זיי זעצען זיך צום פרישטיק־טיש).

מ א נ י א : א שעהן שטיקעל רייזע— נעכטען אין דער פריה נאך אין שענעם וויען און ביינאכט שוין אין דער אייגענער היים (גיסט איין קאווע און טרינקט).

מ א ק ס : ווי ווערט אונז שמעקען דער ערשטער פרישטיק אין דער אייגענער היים? (טרינקט צוריקגעהאלטען) א, די קאווע איז גרויסארטיג. א שעהן ביסעל אנדערש ווי דאס שווארצע אבגעפארבטע וואסער, וואס מ׳האט אונז געגעבען אין די קאפעע־הייזער. נישט אזוי, טייערע מאניא?

מ א נ י א : געווים, ליבער מאן, איך רעכען אויך אזוי. איך בין גליקליך, וואס מיר זענען שוין אין דער היים און איך וועל שטענדיג שטרעבען, אז דיין לעבען מיט מיר זאל דיר זיין אנגענעהם.

מ א ק ס : טייערע! (קושט איהר האנד) הלואי וואלטען אלע בחורים מיר נאכגעטהון און חתונה געהאט. ניין, וואוינען אין מעבלירטע צימערן, עסען אין רעסטאראציעס,

אַרומגעהן מיט אַראָבגריסענע קנעפּ און בעצאָהלען דינסטען פֿאַר יעדע קלייניגקייט? ! אַ שרעק נעמט מיך אַרום, אַז איך דערמאָן זיך אין יענער צייט!

מאניא: האָסטו נישט געהאַט מיט וועמען דו זאָלסט פֿערברענגען דיין איינזאַמקייט?

מאקס: בלויז מיין הונד!

מאניא: (ערשטוינט) וואָס? דו האָסט אַ הונד? דאָס האָב איך גאָרנישט געוואוסט.

מאקס: (אַפּאַרט) די גוטע יאָהר זאָלען מיך נעמען. ווער האָט מיך געבעטען דאָס צו זאָגען? (הויך) ע.. ע.. ע... אַ קליין, אַ פּיטשעדיג הינדטעל, אָבער שוין גאַנץ לאַנג... דיר וואָלט עס אויך געפֿעלען.

מאניא: אויסגעשלאָסען. בעסער, אַז איך האָב זיך מיט דיר בעקענט שוין נאָכדעם ווי דו האָסט מעהר נישט געהאַט דעם הונד, וואָרום כ׳האָב מורא, אַז נישט, וואָלט איך מיט דיר נישט חתונה געהאַט. איך האָס הינד און איך האַלט, אַז ווער ס׳חבר׳ט זיך מיט אַ הונד, קאָן נישט אומגעהן מיט מענשען. איבערהויפּט לײַדט אַ פֿרוי פֿון הינד. גלויב מיר, איך רעד פֿון פּראַקטיקע.

מאקס: מיך אינטערעסירט אפילו זעהר צו הערען די פּראַקטיקע, וואָס דו האָסט געהאַט מיט הינד, צוליב וואָס דו ביזט אַזוי בייז אויף זיי, נאָר פֿאַר דעם נאָך, מוז איך דיר זאָגען, אַז דיין אַנטיפּאַטיע איז אַ ביסעל איבערגעטריבען.

מאניא: הער צום ערשט אויס וואָס איך האָב געהאַט פֿון הינד, וועסטו שפּעטער רייִדען.

מאקס: נו, נו, דערצעהל.

מאניא: ווי דו ווייסט, האָב איך מיינע עלטערן פֿריה פֿערלוירען און איך האָב זיך אויפֿגעצויגען ביי מיינע קרובים. זעהר גוטע מענשען, און מיין לעבען ביי זיי וואָלט זיכער פֿיעל בעסער געווען, ווען דער פֿעטער וואָלט נישט געהאַט

אַ הונד, וועלכען ער האָט זעהר געליבּט, מיר אַלע האָבּען אָבּער זעהר פֿיעל געליטען פֿון הונד. האָט די מוהמע נאָכ'ן עסען געוואָלט אַבּיסעל שלאָפֿען, איז דער הונד געלעגען אויסגעצויגען אויף דער זאָפֿע, און אַראָבּ יאָגען איהם פֿון דאָרטען, האָט דער פֿעטער נישט געלאָזט. האָט די קעכין אויפֿגע־לאָזט די עס־שאַנק, האָט זיך נערא דאָרט אַריינגעצויגען און אויפֿגעגעסען דאָס בּעסטע. בּין איך אַרויסגעגאַנגען אין אַ נייַ קלייד, איז ער אויף מיר אַרויפֿגעשפּרונגען און דערווייל מיך איינגעשפּריצט און איינגעשמירט. מיט איין וואָרט, דער הונד האָט אונז אַלעמען דאָס לעבּען פֿערבּיטערט און איך בּין געוועזען גליקליך, אַז איך בּין אַרויס פֿון מיינע קרובים. פֿון דעמאָלט אָן האָבּ איך מיר אַ שבועה געגעבּען נישט חתונה צו האָבּען מיט אַ מאַן, וואָס האָט אַ הונד.

מאַקס: (לאַכט געצוואונגען) נאַריש קינד! זענען דען אַלע הינד אַזוי ווי אייער נערא?

מאַניא: (שטעהט אויף) איך זאָג נישט, אַז יאָ; נאָר אַ הונד דערמאַנט מיר אין מיינע נישט פֿרעהליכע מיידעל־יאָהרען, וועלכע כ'וואָלט גערן געוואָלט פֿערגעסען. אָבּער לאָמיר מעהר וועגען דעם נישט רעדען, טייערער מאַקס, דאָס רעגט מיך אויף. דערצעהל מיר בּעסער, וואו דו בּיזט היינט אין דער פֿריה געוועזען?

מאַקס: איך האָבּ געמאַכט מיין געוועהנליכען שפּאַציר, נאָר איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, איך האָבּ נישט געהאַט די הנאה וואָס שטענדיג. עפּעס האָט זיך מיר אויס־געוויזען, ווי עפּעס פֿעהלט מיר (אַפּאַרט, אויפֿשטעהענד) דיאַנאַ!

מאַניא: פֿון היינט מאָל אָן וועט עס שוין מעהר נישט זיין. איך וועל דיך בּעגלייטען. גוט, מאַקס'ל? איצט וועל איך בּאַלד אויספּאַקען דעם קויבּער און אַלץ בּרענגען אין אָרדנונג און, אַז כ'וועל פֿערטיג זיין, וועל איך דיר

קאָנען העלפען וואָס דו ווילסט ווילען.

מאקס: גוט, קליינע; קאָן איך דיר עפּעס העלפען? (אין קאָרידאָר קלינגט).

מאניא: ניין. עלזא וועט מיר שוין העלפען. זי קאָן מיינע געוואוינהייטען נאָך פון פריהער.

5=טער אויפטריט.

די פאָריגע. עלזע (דורך דער מיט מיט אַ קאַרטע).

עלזע: דער הערר וויל ריידען מיט׳ן ה׳ וועלנער.

מאקס: (נעמט די קאַרטע) אַ, לעאָן—מיין גוטער לעאָן! דאָס איז שעהן! (צו עלזע׳ן) בעט איהם אריין.

עלזע: (אָב דורך דער מיט).

מאניא: מיר מוזט ענטשולדיגען, מאקס, איך קאָן נישט אויפנעמען דיין פריינד אין אַזאַ צושטאַנד. (וויל געהן).

מאקס: (האַלט זי צוריק) וואַרט, צוערשט גיב מיר אַ קוש, אַז נישט לאָז איך דיך נישט אַרויס.

מאניא: נאַ, אָט האָסטו, דו טיראַן, (אָב רעכטס).

6-טער אויפטריט.

מאקס, לעאן (דורך דער מיט).

לעאן: (בעמערקט נאך דעם קוש) כ'האב גארנישט געזעהען! אפשר שטער איך?...

מאקס: (פיהרט איהם אריין) וואס רעדסטו, אלטער פריינד?

לעאן: אפשר שטער איך?...

מאקס: הער שוין אויף! א אלטער פריינד שטערט קיינמאל נישט. דו מוזט ענטשולדיגען מיין ווייבעל, זי איז נאך נישט איינגאנצען אנגעטהון און צוליב דעם.... (גיט איהם א צייכען צו זיצען און ביידע זעצען זיך לינקס).

לעאן: כ'פערשטעה. נו, זי דארף זיך צוליב מיר נישט זשענירען... איך בין גראד פערבייגעגאנגען, טראכט איך מיר, געה ארויף און רייד זיך א דורך מיט מאקס'ן, כאטש מיין בריעף צו דיר איז אויך שוין גענוג קלאר.

מאקס: וואס פארא בריעף? איך ווייס גארנישט פון קיין בריעף.

לעאן: נו, ליגט ער נאך אודאי אונטען אין בריעף-קאסטען, און אפשר האט איהם דיין פרוי נישט אבגעגעבען.

מאקס: מיין פרוי נעמט נישט צו קיין בריעף. ער ליגט אלזא געוויס נאך אין קאסטען, אבער וואס האסטו מיר געשריבען?

לעאן: נאר א פאר ווערטער וועגען... (זעהר הויך) דיאנא!

מאקס: (פֿערהאַלט איהם דאָס מויל) אום גאָטעס ווילען! מענש אײנער, שרײַ נישט אַזוי, מ'קאָן דאָך נאָך דערהער'ען...

לעאן: אַזוי? (גיט איהם די האַנד) איך דריק דיר אוים מײַן טיפֿסטען מיטגעפֿיהל?

מאקס: צוליב וואָס? איך פֿערשטעה נישט.

לעאן: ווען דו האָסט זיך מיט אַפֿירטעל יאָהר צוריק פֿערלאבט, האָסטו פֿערשוויגען פֿאַר דײַן כּלה, אַז דו האָסט אַהינדטעל, ווײַל זי האָט פֿײַנד הינד. נו, אַז אַחתן טהוט עפּעס צוליב אַכּלה, האַלט איך נישט פֿאַר קײן עוולה, איבערהויפּט, אַז ער שווערט, אַז ער וועט נאָך דער חתונה דאָס הינטעל צוריקגעבען זײַנע רעכט. דײַן חתונה איז אָבער שוין געווען מיט 4 וואָכען צוריק. דיאַנאַ בענקט נאָך דיר, און איך בין אַהערגעקומען דיר זאָגען, אַז איך וועל דעם בילער שוין אפילו אַטאָג מעהר נישט האַלטען. ווען איך האָב דיאַנא'ן גענומען צו מיר, האָסטו מיר געזאָגט, אַז דו וועסט באַלד אַלץ ערקלערען דײַן פֿרוי און דו וועסט דאָס הינדטעל צוריקנעמען. איצט אָבער זעה איך, אַז דו ביזט געוואָרען אַפּאַנטאָפֿעל!

מאקס: (בייז) איך ערלויב דיר נישט אַזוי צו רעדען!

לעאן: דער אמת איז שטענדיג נישט בעקוועם.

מאקס: (בעט) לאָז מיר נאָך אַפּאָר טאָג צייט, איך וועל מײַן פֿרוי אײַנציגוויי...

ליאן: אײַנציגווײַז!..

מאקס: איך בעט דיך...

לעאן: דו קאָנסט מיך בעטען וויפֿיעל דו ווילסט, מײַן מײנונג בלײַבט ווי געווען.

מאקס: און וואָס איז דײַן מײנונג?

לעאן: אַז דו ביזט אַבערויערנסוערטער מאַן, וואָס

לאָזט זיך פֿיהרען פֿון זײַן װײַבעל פֿאַר דער נאָז.

מאַקס: (שפּרינגט אויף) דאָס איז נישט אמת! מאַניא איז אַזוי ליב, אַזוי גוט, אַזוי טײַער, אַזוי גאָלגיביג, אַזוי.... אַזוי...

לעאָן: (אויפשטעהענדיג, נעמט אַרויס דאָס בײַטעלע אין גיט מאַקס'ן אַמטבע) גיה אַראָב אין געװעלב און קויף דיר נאָך אַמאָל װערטער, דו קאָנסט דאָך נישט אַרויס.

מאַקס: (שלאָגט עס איהם אַרויס פֿון דער האַנד) אַנשטאָט מיר אַרויסצוהעלפֿען פֿון מײַן פֿערלעגענהײַט, לאַכסטו גאָר אויס פֿון מיר! איך װעל דיר אָבער װײַזען, אַז דו האָסט אַ טעות. איצט שוין אויפ'ן אָרט גיה איך מיט דיר אַהײַם און ברענג אַלײַן אַהער דיאַנאַ'ן. מײַן פֿרוי מוז זיך דערצו צוגעװעהנען... זאָל זײַן װאָס ס'איז!

לעאָן: גוט אַזוי, נאָר נישט אַרויסלאָזען די לײַצעס פֿון די הענד.

מאַקס: גלויב מיר אָבער, אַז ס'איז נישט אַזוי לײַכט צו זאָגען אײַנעם װעמען דו האָסט ליב: דאָס און דאָס מוזטו טהון צי דו װילסט יאָ, צי דו װילסט נישט! װען דו װאָלסט געקענט די ליבע אין איהר גאַנצען װערט, װאָלסטו עס פֿערשטאַנען!

לעאָן: איך קען גענוג די ליבע, דאָך איהר װערט, איז נאָך ביי מיר אַ גרויסע פֿראַגע. אַ פֿערליבטער געפֿינט אַ שטיק קויהל, לעגט עס אַװעק אין טאַש און רעכענט, אַז ער האָט אַ דיאַמאַנט.

מאַקס: איך האָב טאַקע געפֿונען אַ עכטען דיאַמאַנט.

לעאָן: דאָס װעט מען נאָך זעהן. אָבער קום, ס'איז שוין שפּעט און ס'איז שוין צײַט, אַז דיאַנאַ זאָל דיך װידער זעהן.

מאַקס: (נעמט זײַן הוט פֿון הינטער'ן קלאַװיר) קום! (בײדע אַב דורך דער מיט).

7-טער אויפטריט.

מאניא (אליין).

מ א נ י א : (קומט אריין פון רעכטס, האלט אויף די הענד די אויסגעפאקטע זאכען) ענדליך איז ער אוועקגעגאנגען! מאקס איז, דאכט זיך, אויך מיט איהם מיטגעגאנגען. בעסער אזוי, וואָרום, אז דער מאן איז דא, קאן מען גארנישט טהון. (לעגט אוועק די זאכען אויפ'ן קלאוויר, קוקט זיך ארום) ווי אלץ איז דא נישט אין אָרדנונג. עלזע ווייס דאך אבער, אז איך האב פיינד אזא אונאָרדנונג. (קלינגט) איך זעה שוין, אז מ'מוז אומעטום אליין זיין.

8-טער אויפטריט.

מאניא, עלזע (דורך דער מיט).

ע ל ז ע : וואס וויל די מאדאם?

מ א נ י א : (מאכט איינינע שריט צו לינקס) נעם אוועק די טאסען, עלזע, און טראג ארויס די זאכען (ווייזט

אויפ׳ן קלאַוויר), אײַל זיך אבער צו, ווארום ס׳איז שוין שפּעט און מיר האבען נאך צו צוגרייטען א מיטאג.

עלזע: (געהט צו צום פרישטיק־טיש, שטעלט אַרויף די טאַסען אויף אַ סערוויר־טאַץ) וועגען דעם דארף זיך די מאדאַם גארנישט זארגען ווייל איך האב שוין אַלץ אלײן צוגע־גרייט, געוועהנליך, ווי פאר א ערשט מיטאג אין דער היים.

מאַניא: גוט, נאר מארגען וועל איך דיר שוין זאגען, וואס דו זאלסט מאכען אויף מיטאג. מאַך נאר איצט דאָ אַלץ אין אָרדנונג.

עלזע: (שטעלט אַרויף די טאַץ מיט׳ן געשיר אויפ׳ן קרעדענס).

מאַניא: זענען נישט אָנגעקומען קיין צייטונגען? (זעצט זיך פאַרנט לינקס בײַם טישעל מיט׳ן נעה־קאָרב).

עלזע: ניין. נאר זעהט נאר, מאדאַם, וואָס איך האָב פערגעסען. דער בריעף־טרעגער האָט מיר היינט אין דער פריה געגעבען א בריעף און... (נעמט אַרויס פון טאַש א בריעף) פאַר׳ן הערר.

מאַניא: גיב א הער. (בעקוקט איהם) געדענק, אַז נאָך אַמאָל זאָלסטו די בריעף תיכף אָבגעבען מײַן מאַן אָדער מיר. (בעטראַכט דעם בריעף) ס׳האַנדעלט זיך אודאי וועגען א געשעפטליכע זאך און דײַן נאכלעסטגקייט קאָן האָבען, כ׳ווייס וואָס, געקאָסט.

עלזע: מעהר, מאדאַם, וועט עס שוין נישט פּאסירען.

מאַניא: זאָל איך איהם עפנען? וואָס קאָן איך איהם זײַן? ווען מאקס וואָלט איצט דאָ געווען.

עלזע: (אפּאַרט) זי איז געבליבען פּונקט אַזוי נייגיריג ווי אַלס קינד. (הויך) אָפשר איז עס א פערלאָבונגס־קאַרטע.

מאַניא: וואָלט געשטאַנען אויף דער אַדרעס

ה׳ און פרוי ווערנער.

עלזע: (בעשעפטיגט אין צימער) אפשר עפעס אַ איינלאַדונג?

מאניא: מיין מאַן וועט איצט נישט אָננעמען קיין שום איינלאַדונגען.

עלזע: אפשר אַ רעכנונג?

מאניא: אָ, יאָ, דאָס קאָן זיין. רעכנונגען געהערען דאָך אָבער צו דער ווירטשאַפט און די ווירטשאַפט געהער צו מיר. (עפענט דעם בריעף) ניין, ס׳איז פון לעאָן פישער. ס׳מוז אָבער זיין זעהר אַ ווילכטיגע זאַך, אַז ער שרייבט אַ בריעף און קומט באַלד דערנאָך אַליין צו געהן, איך בין טאַקע נייגיריג צו זעהן וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך: (לעזט) „פליכטען.... די אָרימע... זייט דיין חתונה״... (איבער־רייסט) יאָ, אָבער, איך פערשטעה נישט — וואָס זאָל דען דאָס בעדייטען? (לעזט ווייטער) „דו ליבסט דאָך זי זעהר שטאַרק״ — (שרייט) אָ, אָט ווערט מיר אַלץ קלאָר — פערראַטען, איך בין אָבגענאַרט געוואָרען! (לעזט ביז צום סוף, דערנאָך לאָזט זי אַראָב דעם בריעף און פאַלט אויף אַ שטול) אָ, גאָט, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען!

עלזא: (לויפט צו איהר צו) גנעדיגע מאַדאַם, מאַדאַם, וואָס איז אייך? אפשר זאָל איך לויפען נאָך אַ דאָקטאָר?

מאניא: (מאַט) מיר וועט נישט העלפען קיין דאָקטאָר! (צוויינט זיך) אָ, איך האָב דאָס געמוזט דער־לעבען! איך, אָרימע, אומגליקליכע פרוי, אָ, מאַקס, מאַקס! ווי איך האָב דיך געליבט, ווי איך האָב דיר געגלויבט. און אָט האָסטו מיך אַזוי אָבגענאַרט. איך האָב נישט קיינעם, וועלכער זאָל מיר אַ עצה געבען, וואָס זאָל מיר קאָנען העלפען — קיינעם נישט!

עלזע: (בעשיידען) קאָן איך אייך גאָרנישט העלפען?

מ א נ י א: יאָ, דו! — דו ביזט אַגוט מײדעל, מיר האָבען זיך דאָך שוין געקענט אַלס קינדער. יאָ, דו מוזט מיר העלפען, איך האָב דאָך נישט קײנעם אַחוץ דיר.

ע ל ז ע: אָבער פאַרוואָס זענט איהר אַזוי אויפגערעגט?

מ א נ י א: דיר װעל איך דערצעהלען מײן גאַנץ אומגליק. עלזע, איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מײן מאַן גענאַרט מיך... ער ליבט אַנ׳אַנדערע און מיך האָט ער אומגליקליך געמאַכט.

ע ל ז ע: אָ, מאַדאַם, זאָגט נישט אַזוי. איהר בעלײדיגט דערמיט אײער מאַן. איך בין אויך אַמאָל געװען אײפערזיכטיג אויף דער קעכין פון אַ שכן, נאָר שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מײן חתן איז געװען אינגאַנצען אונשולדיג.

מ א נ י א: (אויפגערעגט) מײן מאַן איז יאָ שולדיג. (הײבט אויף דעם בריעף) לעז אַלײן, װאָס זײן פרײנד שרײבט איהם אין דאָזיגען בריעף (גיט איהר דעם בריעף).

ע ל ז ע: (לעזט) „ליבער מאקס! איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו ביזט צוריקגעקומען פון דײן חתונה-רײזע און כ׳אײל זיך דיר צו דערמאַנען אין דײנע פליכטען צו דיאַנאַ׳ן, װעלכע דו האָסט אַזוי פערנאַכלעסיגט. די אָרימע איז זײט דײן חתונה קראַנק, זאָגט זיך אָב צו עסען און איך בין געװען געצוואונגען צו רופען צו איהר אַדאָקטאָר, נאַטירליך אויף דײן רעכנונג. זײ ענדליך אַמאַן און לאָז מעהר נישט פערשמאַכטען די דאָזיגע טרײע נשמה. דו ליבסט זי צו שטאַרק, אַז דו זאָלסט איהר פערשאַפען אַזויפיל לײדען. מאַך דעריבער אַסוף, מאקס, און גיב דיאַנאַ׳ן צוריק איהרע אַלטע רעכט. איך זאָג זיך אָב װײטער צו פערטרעטען דײן אָרט, און בין גרײט אַלץ צו דערצעהלען דײן פרוי, אויב דו װעסט נאָך לענגער זיך אַרויסדרעהען

פון ערפילען דיין פליכט. מיט הערצליכען גרוס לעאן פישער״ (לעגט דעם בריעף אויפ'ן נעה־טיש) דאס איז שרעקליך! איך האב געוואוסט, אז אלע מענער זענען נישט איבריג גוט, גאר דאס איז שרעקליך.

מאניא: (אויפשטעהענד און געהט איבער רעכטס) דו ביזט גערעכט. איך האב שוין אנגענומען א בעשלוס. נאך היינט פערלאז איך דאס הויז און פאהר צוריק אהיים צו מיינע קרובים. איך וועל בעסער פערברענגען מיינע טעג מיט מיין פעטער'ס נערא ווי בלייבען נאך איין שעה מיט דעם נערא.

עלזע: גערעכט זענט איהר, מאדאם. נאר איידער איהר געהט מאכען אזא שריט, מוזט איהר נאך הערען וואס איהר מאן וועט אייך פרובען זאגען. אבער ווער איז זי, די דיאנא? איהר קענט זי גארנישט?

מאניא: ניין, נאר לויט'ן נאמען ווייזט זי אויס צו זיין א דאמע פון צירק אדער עפעס עהנליכעס.

עלזע: וואו וואלט מען זיך דאס געקאנט דערוויסען?

מאניא: פישער מוז עס אונז זאגען. איבערהויפט מוז איך פאר'ן אוועקפאהרען רעדען מיט איהם. טייערע עלזע, זיי אזוי גוט און לויף געשווינד אריבער צו איהם, ער וואוינט דא רעכטס, אין עק, אין גרויסען רויטען הויז— און בעט איהם, אז ער זאל זאפארט אהערקומען, איך דארף זיך מיט איהם אביסעל דורכריידען.

עלזע: איך לויף שוין אריבער צו איהם. די מאדאם דארף אבער נישט זיין פערצווייפעלט—ס'קאן נאך אלץ צוריק גוט ווערען.

מאניא: (טרויריג) וואס קאן נאך צוריק גוט ווערען? ניין, א סוף האט גענומען צו מיין גליק, אויף אייביג! א, ווען איך וואלט געקאנט שטארבען! (אב רעכטס).

ע ל ז ע: (קוקט איהר נאָך, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אָרימע פרוי! מ'טאָר טאַקע נישט גלייבען די מענער, אפילו מיין פעליקס'ן וועל איך שוין פון היינט אָן קיין וואָרט נישט גלייבען! (אב צו דער מיטעל-טיר).

9-טער אויפטריט.

עלזע, מאקס (דורך דער מיט).

מ א ק ס: (שטעקט פאָרזיכטיג אריין דעם קאָפּ דורך דער טיר) פסט.. פסט... טייערע... קומט נאָר ארוים... איך מוז אייך עפּעס זאָגען.

ע ל ז ע: (דערשראָקען) ווער איז דאָרט? אָ, ער וויל מיך אויך אריינגנאַרען אַזוי ווי זיין פרוי. אָבער וואַרט, מיט מיר וועסטו נישט האָבען אַזוי לייכט.

מ א ק ס: (ווי פריהער) טייערע... קומט נאָר ארוים... איהר הערט נישט?...

ע ל ז ע: פערדרעהט מיר נישט דעם קאָפּ.

מ א ק ס: (קומט אריין) וואָס זאָל דאָס הייסען, מיידעל?

ע ל ז ע: (פעסט) דאָס זאָל הייסען, אז ביי מיר האָט איהר נישט געטראָפען די אדרעסען, ה' וועלנער. איך בין טאַקע נאָר אַפּשוט מיידעל צו אַלעם, ה' וועלנער, נאָר איך ווייס וואָס איך דאַרף פאַר אייך יאָ טהון און וואָס

נישט. און מײַן פעליקס'ן װעל איך קײנמאל נישט אונטרײַ װערען. איהר מעגט זיך שעמען אין אײַער װײַטען האלז אַרײַן, ה' װעלנער, און נאָך אַמאָל מעהר מיט מיר נישט טשעפּען.

מ א ק ס: (פערװאונדערט) זי מוז זײַן משוגע געװאָרען.

ע ל ז ע: (בײז) משוגע? איך, אַ עהרליך מײדעל, משוגע? נײן, דאָס געהט נישט בײַ מיר! איך געה שוין מעלדען דער פּאָליציי, אַז איהר האָט געװאָלט מיט מיר.... און דערנאָך האָט איהר מיך בעלײדיגט און געזאָזט, אַז איך ביך משוגע. איך װעל אײַך שוין װײַזען, ה' װעלנער! (טראַגיש אב דורך דער מיט).

10=טער אויפטריט

מאקס (אַלײן).

מ א ק ס: (קוקט איהר נאָך) װאָס איז איהר פּלוצלונג געװאָרען? איך האָב די אָרימע דיאנא איבערגעלאָזט אין דער קיך, װאו כ'האָב זי גערעכענט מיט דער הילף פון דער דינסט צו האלטען אזוי לאנג בעהאַלטען פון מײַן פרױ, ביז איהר שנאה צום הונד װעט פערשװינדען. מײַן פרױ ליבט מיך און זי װעט ברענגען פאַר מיר אַ קלײנעם קרבן, אַלענ־פאַלס אויף אַ קורצע צײַט, אַז כ'זאָל נישט פערשעהמט בלײַבען פאַר מײַן פרײַנד לעאן. אויב זי װעט זיך בשום

אופן נישט קאָנען צוגעוועהנען צום הונד, ווען איך איהם אוועקשענקען. וואָס זאָל איך אָבער איצט טהון? דרויסען אין דער קיך די אָרימע דיאנא אין די הענד פון דער משוגענ׳ער דינסט און דאָרט מיין פרוי, וועלכע האָט נאָך פון אַלעם נישט קיין אהנונג. מיין לאַגע איז אַ שרעקליכע. אָבער מוט מוז מען האָבען. (געהט צו דער טיר רעכטס און רופט) טייערע מאניא, די ביזט שוין פערטיג? איך וואָלט גערן געוואָלט אַ מינוט רעדען מיט דיר.

11=טער אויפטריט.

מאניא (פון רעכטס), מאקס.

מאניא: (בלייבט שטעהן קאַלט ביי דער טיר) וואָס ווילסטו?

מאקס: (ציהט זי ביי דער האַנד אַריין אין פאָרדער-גרונד) קום נאָר אַריין, טייער ווייבעל, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגען, איך וויל זיך דיר אין עפּעס מודה זיין....

מאניא: פערשפּאָרסט צו רעדען — איך ווייס אַלץ!

מאקס: (ערשטוינט) וואָס, דו ווייסט שוין? אַהאַ — איך פערשטעה, דו האָסט צוגענומען לעאָנ׳ס בריף. דאָס איז נישט שעהן פון דיין זייט. בריף, וועלכע זענען אַדרעסירט צו אַ מאַן, דאַרף אַ פרוי נישט צונעמען. דו הערסט, דו קליינע

זינדעריןְ! (ווײַל זי אָננעמען בײַ אַ אויער).

מ א נ י א: איך ערלויב נישט... צווישען אונז בײדע איז אַלץ אוים.

מ א ק ס: אָבער טײַערע, זײַ מיר מוחל און מאַך דיר נישט פון אַזאַ קלײנע אונאַנגענעמליכקײט.

מ א נ י א: (אַפּאַרט) אַ קלײנע אונאַנגענעמליכקײט, אַזאַ שענדליכער מענש! (הויך) איך וועל דיר נישט מוחל זײַן. איבּרינגענס, האָב איך שוין אָנגענומען אַ בּעשלוס — נאָך הײַנט פערלאָז איך דאָס הויז. (צווויינט זיך) אָ, איך אָרימע, אומגליקליכע פרוי!

מ א ק ס: אָבער, מאַניא, נעם נישט די זאַך אַזוי טראַגיש! (גיעהט צו איהר צו) הער אויף צו וויינען, טײַערע...

מ א נ י א: איך בּין מעהר נישט דײַן „טײַערע"... גיעה, לאָז מיך אָב! דו האָסט מיך אָבּגענאַרט, דו האָסט אויסגענוצט מײַן עהרליכען צוטרוי צו דיר! צווישען אונז קאָן מעהר נישט זײַן קײן געמײנזאַמעס.

מ א ק ס: ווי קאָנסטו זיך אַזוי אויפרעגען, ווײַבעל! אמת, ס'איז געווען אַ אונרעכט פון מײַן זײַט צו האַלטען פאַר דיר אַ סוד; איך רעכען אָבער, אַז מיט דער צײַט וועל איך דיך דערצו צוגעוועהנען.

מ א נ י א: ווי אַזוי קאָנסטו דיר ערלויבען בּלויז צו טראַכטען, אַז איך וועל זיך דערצו צוגעוועהנען?!

מ א ק ס: (בּעטענד) קוק זי כאָטש אָן, זי איז דרויסען און איך בּין זיכער, אַז דו וועסט זיך צו איהר צוגעוועהנען.

מ א נ י א: (בּייז) וואָס, דו וואַגסט זי אַרײַנצובּרענגען דאָ אין הויז, אין מײַן שטוב?!

מ א ק ס: איך בּעט דיך, בּעקעמפף דײַן אַבנײַגונג — קום אַרויס צוזאַמען מיט מיר צו דיאַנא'ן. ווען דו וועסט

שעהן ווי זי ליבט מיך, ווי זי שפּרינגט אויף, אַז זי דערזעהט מיך, ווי זי קושט מיר די הענד, וועסטו אַליין אויך גערירט ווערען.

מאניא: (שטאַרק אויפגערעגט) און דאָס אַלץ ערלויבסטו זיך מיר צו זאָגען? איך בין דיין פרוי און איך זאָג דיר, אַז דאָס איז שענדליך.

מאקס: אָבער איך פערשטעה נישט...

מאניא: ער פערשטעהט נישט? — אָ, מאקס, מאקס — דו ביזט נאָך ערגער ווי איך האָב געמיינט.

מאקס: (בייז) די גוטע יאָהר זאָלען עס נעמען! דאָס איז שוין אַביסעל צו פיעל. איך זעה נישט איין מיט וואָס איך האָב זיך אַזוי פערזינדיגט געגען דיר. איך פרעג דיך איצט נאָר איין זאַך: וועסט אַריינלאָזען צו זיך דיאַנא'ן?

מאניא: ניין, קיינמאָל נישט!

מאקס: איך קאָן דיך טאַקע דערצו נישט צווינגען — נאָר זאגען מוז איך דיר, אַז איך בין טיעף בעליידיגט צוליב דיין עגאאיזם. ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען איך וועל דיר דערפאַר בעצאָהלען.

מאניא: וועגען דעם זאָרג איך זיך קנאַפּ, ווארום מיר וועלען זיך שוין מעהר קיינמאל נישט זעהען! (וויינענדיג) איך פערלאָז דאס הויז, און וועלכען איך האַב גערעכענט צו זיין גליקליך. זאל דיר דיאנא געבען דאס גליק, וואס דו האסט ביי מיר צוגערויבט! (אב רעכטס, וויינענדיג).

12=טער אויפטריט.

מ א ק ס [אַליין].

מ א ק ס : [געהט אויף און אב איבערן שטוב] וואס זאגט מען ניט צו איהר ענגאויזם? לעאָן איז גערעכט, די פרויען זענען אלע אזוי. וואס זאל איך אבער איצט טהון? בעזיימינג איך דיאנא׳ן, ווער איך איינמאל פאר אלע מאל א פאנטאפעל און לעאָן וועט שטענדיג האבען פון מיר צו לאכען. בלייבט זי אבער, וועט דאך מיין ווייב אנטלויפען. אין אזא שרעקליכער לאגע האט זיך נאך קיין מענש אויף דער וועלט ניט געפונען.

13=טער אויפטריט.

מ א ק ס , ע ל ז ע [דורך דער מיט].

ע ל ז ע : [אפארט] איצט וועל איך איהם ווייזען מיט וועמען ער האט צו טהון. [הויך] ה׳ וועלנער, דאס שעהנע הינדטעל אין דער קיך, איז איייערס?

מאקס: יאָ, מײַנס. איך וואָלט עס גערן צוריקגענומען צו מיר, מײַן פֿרוי לאָזט אָבער נישט. זי וויל בעסער פֿעלאָזען דאָס הויז, ווי אַרײַנלאָזען אַ הינדטעל. זאָגט מיר, עלזע, קאָנט איהר מיר נישט געבען עפּעס אַ עצה?

עלזע: די מאדאַם איז בײַז אויף אײַך צוליב דעם בריעף און דעריבער וויל זי אײַך נישט טהון אַזאַ קלײניגקײַט, ווי ערלויבען צו האַלטען אַ הינדטעל אין שטוב.

מאקס: (ערשטוינט) וואָס איז דען אַזעלכעס געשטאַנען אין בריעף?

עלזע: נו, נו, מאַכט זיך נאָר נישט אַזוי תּמימעוואַטע. (גיט איהם אַ שטויס) ה׳ וועלנער, מיר ווײסען אַלע אײַערע בעציהונגען מיט דער (מאַכט אַ זשעסט פֿון אַ קונסטרײַטערין) האָפּליאַ!

מאקס: מײַנע בעציהונגען? איך פֿערשטעה אײַך נישט, עלזע.

עלזע: וואָס דערצעהלט איהר מעשׂות! (ווי פֿריהער) מיר ווײסען פֿון אײַערע ליבע-בעציהונגען מיט (דער זעלבער זשעסט) האָפּליאַ!

מאקס: צו אַלע גוטע יאָהר! מײַנע ליבע-בעציהונגען? האָפּליאַ!? (זשעסט) נײַן, דאָ מוז זײַן עפּעס אַ מיספֿערשטענדניש — איך בין פֿאָלשטענדיג אונשולדיג.

עלזע: שען אונשולדיג! (נעמט דעם בריעף פֿון נעה-טיש) אָט דאָ זענען די בעווײַזען (גיט איהם דעם בריעף) אויב איך בין משוגע, איז דאָ אַ טעות!

מאקס: (לעזט איהם) כא.. כא.. כא.. (צולאַכט זיך הויך) דאָס איז שען... דאָס איז אַ קאָמעדיע... (לאַכט) איך לאַך דערפֿון.

עלזע: (ערשטוינט) מיר דאַכט זיך, אַז בײַ אײַך איז עפּעס נישט אין אָרדנונג (ווײַזט אויף זײַן קאָפּ).

מ א ק ס : (נאָך לאַכענדיג) בערוהיגט איַיך, עלזע, ס'וועט באַלד אַלץ קלאָר ווערען! איהר געהט נאָר אַרויס צום הינדטעל און, אַז איך וועל איַיך רופען, זאָלט איהר דערמיט אַריַינקומען. אָ, וואָס פאַר א שפּאַס!

ע ל ז ע : (אפּאַרט) מיר דאַכט זיך, אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַב דורך דער מיט).

מ א ק ס : אַ, איצט פערשטעה איך אַלץ! מיַין פרוי איז געווען איַיפערזיכטיג אויף פריַילייַן.... דיאַנא.

14=טער אויפטריט.

מאקס, לעאן (דורך דער מיט).

ל ע א ן : איך איַיל זיך זעהר, ליבער מאַקס, וואָס איז דען איַיגענטליך געשעהען?

מ א ק ס : וואָס? וואָס זאָל דען זיַין געשעהען?

ל ע א ן : גלאַט אומזיסט שיקט מען דאָך נישט נאָך א מענש.

מ א ק ס : ווער האָט דען געשיקט נאָך דיר?

ל ע א ן : ווער? דיַין פרוי!

מ א ק ס : מיַין פרוי? אַהאַ, ווייס איך שוין. וואַרט נאָר צו, וועסטו עפּעס זעהן אַ קאָמעדיע. (געהט צו צו דער טיר רעכטס און רופט) מאַניא! זיַי אַזוי גוט און קום אַריַין,

ה׳ פישער וואַרט אויף דיר, נאָר איך זיך, ווײַל ער האָט ניט קיין צײַט.

לעאן: נו, אַזוי אײַליג איז עס נישט.

מאניא: (קומט פון רעכטס).

15-טער אויפטריט.

די פאריגע, מאניא.

לעאן: גוטען מאָרגען, מאדאם וועלנער! איהר האָט בעפֿויהלען און אײַער געטרײַער שקלאף האָט אהערגע-אײַלט אויף די פליגלען פון ליבע, כדי זיך צו דערוויסען מיט וואָס כ׳קאָן אײַך דינען? (קושט איהר די האַנד).

מאניא: (צוטומעלט) איך ווייס נישט וואָס איך זאָל זאָגען, וואָס פאַר א אויסדריקען איך זאָל בענוצען וועגען דער פיינליכער אנגעלעגענהײַט, וועלכע כ׳דאַרף מיט אײַך ארומרײַדען....

מאקס: זאָל איך דיר העלפען, אָדער זאָל איך אַרויסגעהן?

מאניא: (קאַלט) איך וואָלט גערן גערעדט אַליין מיט׳ן ה׳ פישער, נאָר אַזוי ווי דו ביזט שוין דאָ, קאָנסטו שוין בלײַבען.

לעאן: וואָס בעדײַט דאָס אלץ?

מאקס: דאָס וועסטו באלד הערען. נאָר מיר

דאַכט זיך, אַז דו וועסט שוין אַליין פֿערשטעהן ווען איך וועל דיר זאָגען, אַז דיין בריעף איז אַריינגעפֿאַלען אין מיין פֿרוי'ס האַנד.

מ א נ י א: גאָט זיי דאַנק! ער האָט מיר געעפֿענט די אויגען און איך ווייס ענדליך מיט וועמען מיין מאַן האָט מיך אָבגענאַרט.

מ א ק ס: נו, איצט ווייסטו שוין צו וואָס מ'האָט דיך גערופֿען? דו ביזט דער איינציגער, וואָס ווייס מיין טרויריג געהיימניס און מיין פֿרוי וויל אַ אויפֿקלערונג.

מ א נ י א: (גערייהרט) זאָגט מיר אַלץ, וואָס איהר ווייסט וועגען דיאַנאַ'ן, איך בעט אייך, ושעניירט זיך גאָר־נישט. ווי פֿעסט דער קלאַפּ זאָל נישט זיין, וועל איך גענוג שטאַרק זיין איהם איבערצוטראָגען.

ל ע א ן: קיין סך ווייס איך נישט. דאָס וואָס מיר איז בעקאַנט איז, אַז זי איז שוין 5 יאָהר ביי מאַקס'ן.

מ א נ י א: (זיפֿצט).

ל ע א ן: זי איז אויסערגעוועהנליך טאַלאַנטפֿול, איהר דאַרפֿט זעהן ווי זי שפּרינגט דורך אַ רייף. דאָס וועט איהר קיינער נישט נאָכמאַכען.

מ א נ י א: זי איז... אַלזאָ... פֿון צירק? (צו זיך) זיי שטאַרק, מיין האַרץ.

ל ע א ן: ס'איז מעגליך, אַז זי איז פֿריהער געוועזען אין צירק... מיר האָבען זי צום ערשטען מאָל געזעהען אַרויסטרעטען אין אַ טעאַטער... מאַקס איז געוואָרען ווי צומישט, אַז ער האָט זי געזעהען...

מ א נ י א: אין אַ טעאַטער?

ל ע א ן. יאָ... און דאָרט טאַקע האָט ער זי געקויפֿט.

מ א נ י א: (ערשטוינט) געקויפֿט? פֿון וועמען רעדט איהר דען איינענטליך?

מאקס: (לאַכענדיג) נו, פון דיאַנאַ'ן.

מאניא: מאַקס... הער אויף... איך וועל משוגע ווערען! ווער איז דיאַנאַ?

מאקס: דו וועסט זי באַלד פערזענליך בעקענען.
(רופט אין דער מיטעל־טיר) עלזע!

לעאן: איך הויב אויך שוין אן עפּעס צו פערשטעהן.

1־טער אויפטריט.

די פאריגע, עלזע (קומט דורך דער
מיט מיט א הינדטעל אויפ'ן אָרעם).

מאניא: וואָס, אַ הונד אויך גאָר? ווי קומט דאָ דער הונד אַהער? דו זאָלסט עס מיר שוין ערקלערען, מאקס!

מאקס: אַלזאָ, דיאַנא און דער הונד...

מאניא: דו מיש מיר ניט צוזאַמען ביידע זאַכען. צוערשט ערקלער מיר וועגען הונד און דערנאָך וועגען דיאַנא'ן.

לעאן: דער הונד הייסט דאָך דיאַנאַ.

מאקס: די באָמבע האָט געפּלאַצט.

מאניא: אַזוי? אויב אַזוי פערשטעה איך שוין אַלץ.

ע ל ז ע : און איך אויך. אַט דאָס איז דאָס די (ושעסט) האפליא

מ א נ י א : נו, זײַ מיר מוחל, מאקס, נאָר די געטײַנע אײַפערזוכט האָט מיך געטריבען דערצו.

מ א ק ס : איך בין דיר מוחל. (אומארמען זיך).

ל ע א ן : און וואָס בלײַבט מיט דיאַנאַ'ן ?

מ א נ י א : דיאנא בלײַבט בײַ אונז.

(נעמט דאָס הינדטעל און דריקט עס צו צו זיך).

פאָרהאַנג.